# די ייִדישע דראַמע פֿון 20סטן יאָרהונדערט

ש. אַנ—סקי

פּרץ הירשביין

ה. לייוויק

י. ל. פּרץ

באַנד צוויי

אַרויסגעגעבן פֿון
אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס

ניו־יאָרק תשל״ז — 1977



י. ל. פּרץ
1915 — 1852



ש. אַנ—סקי
1920 — 1863



פּרץ הירשביין
1948 — 1880



ה. לייוויק
1962 — 1888

ס ע נ ד ע ר גייט־אַרויס און קערט זיך גלייך אום מיט פ ר אַ ־ ד ע ן, פירנדיק פאַר די הענט ל א ה ן. זי שפּאַרט זיך איין ביי דער שוועל און וויל נישט גיין.

**סענדער:** (מיט געוויין) טאָכטערל, האָב רחמנות, זיי מיך נישט מבייש פאַרן רבין. גיי־אַריין.

**פראַדע:** גיי־אַריין, לאהלע, גיי־אַריין, טייבעלע!

**לאה:** איך וויל אַריין, נאָר איך קאָן נישט!

**ר׳ עזריאל:** בתולה! איך באַפעל דיר אַרייגגיין. (ל א ה טרעט־איבער די שוועל און גייט צום טיש) **זעץ זיך.**

**לאה:** (זעצט זיך געהאָרכזאַם. מיט אַ מאָל שפּרינגט זי אויף פון אָרט און שרייט נישט מיט איר קול) **לאָזט מיך! איך וויל נישט!**

זי וויל לויפן, ס ע נ ד ע ר און פ ר אַ ד ע האַלטן זי איין.

**ר׳ עזריאל:** דיבוק, איך בין גוזר אויף דיר, זאָלסט זאָגן, ווער דו ביסט.

**לאה (דיבוק):** מיראָפּאָליער רבי! איר ווייסט אַליין ווער איך בין און פאַר אַנדערע וויל איך מיין נאָמען נישט אַנטפּלעקן.

**ר׳ עזריאל:** איך פרעג נישט דיין נאָמען. איך פרעג ווער ביסטו?

**לאה (דיבוק):** (שטיל) **איך בין פון די, וואָס האָבן געזוכט נייע וועגן...**

**ר׳ עזריאל:** נייע וועגן זוכט יענער, ווער עס האָט פאַרלוירן דעם גלייכן וועג.

**לאה (דיבוק):** ער איז צו ענג...

**ר׳ עזריאל:** דאָס האָט שוין געזאָגט איינער, וואָס האָט זיך נישט אומגעקערט צוריק. (פּויזע) **פאַרוואָס ביסטו אַריין אין דער בתולה?**

**לאה (דיבוק):** איך בין איר באַשערטער.

**ר׳ עזריאל:** נאָך אונדזער הייליקער תורה טאָר אַ מת נישט געפינען זיך אין דער סביבה פון לעבעדיקע.

**לאה (דיבוק):** איך בין נישט געשטאָרבן.

**ר׳ עזריאל:** דו ביסט אַוועק פון אונדזער וועלט און טאָרסט זיך אַהער נישט אומקערן ביז מע וועט בלאָזן אין גרויסן שופר. דעריבער בין איך גוזר אויף דיר, דו זאָלסט פאַרלאָזן דעם גוף פון דער בתולה, כדי עס זאָל נישט פאַרוועלקט ווערן אַ לעבעדיקער צווייג פון אייביקן בוים פון פאָלק ישראל.

**לאה (דיבוק):** (שרייט) מיראָפּאָליער רבי! איך ווייס, ווי שטאַרק און אַלמעכטיק איר זייט! איך ווייס, אַז איר קאָנט באַפעלן מלאכים און שרפים. אָבער מיט מיר וועט איר גאָרנישט מאַכן. איך האָב נישט וואוהין צו גיין! פאַר מיר זיינען פאַרצוימט אַלע וועגן און פאַרשלאָסן אַלע שטעגן און פון אַלע





**זייטן לויערן אויף מיר בייזע רוחות, גרייטע מיך איינצושלינגען.** (מיט אַ ציטערדיקן קול) **עס איז דאָ הימל און ערד, עס זיינען דאָ אָן אַ צאָל וועלטן און נישט אין איינעם פון זיי האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט פאַר מיר. און איצט, אַז מיין פאַרביטערטע, פאַריאָגטע נשמה האָט געפונען איר רו, ווילט איר מיך אַרויסטרייבן פון דאַנען. האָט רחמנות, יאָגט מיך נישט, פאַרשווערט מיך נישט.**

**ר׳ עזריאל:** פאַרוואָגלטע נשמה! איך בין דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן רחמנות צו דיר און וועל זיך מיען אויסלייזן דיך פון די מלאכי־חבלה. אָבער פון דעם גוף פון דער בתולה מוזסטו אַרויסגיין.

**לאה (דיבוק):** (אַנטשיידן) **איך וועל נישט אַרויסגיין.**

**ר׳ עזריאל:** מיכאל, רוף־אַריין פון קלויז אַ מנין יידן. (מ י כ א ל גייט־אַרויס און קערט זיך באַלד אום. נאָך אים גייען־אַריין צען יידן, שטעלן זיך אין אַ זייט) **עדה קדושה! גיט איר מיר רשות אין אייער נאָמען און מיט אייער מאַכט אַרויסצוטרייבן פון אַ גוף פון אַ יידישער טאָכטער אַ רוח, וואָס וויל נישט אַרויס מיט גוטן?**

**אַלע צען יידן:** רבי! מיר גיבן אייך רשות, אין אונדזער נאָמען און מיט אונדזער מאַכט, אַרויסצוטרייבן פון גוף פון אַ יידישער טאָכטער אַ רוח, וואָס וויל נישט אַרויס מיט גוטן.

**ר׳ עזריאל:** (הייבט זיך אויף) **דיבוק! נשמה פון אַ מענטשן, וואָס איז אַוועק פון אונדזער וועלט, אין נאָמען און מיט דער מאַכט פון אַ הייליקער עדה יידן בין איך, עזריאל בן הדס, גוזר אויף דיר, דו זאָלסט פאַרלאָזן דעם גוף פון דער בתולה לאה בת חנה און זאָלסט אַרויסגייענדיק נישט מזיק זיין, נישט זי, נישט קיין שום לעבעדיקע באַשעפעניש... אויב דו וועסט נישט מקיים זיין מיין באַפעל, וועל איך אַרויסטרעטן אַנטקעגן דיר מיט קללות און חרמות, מיט השבעות און נדויים, מיט דער גאַנצער מאַכט פון מיין אויסגעשפּרייטן אָרעם. ווען אָבער דו וועסט פאָלגן מיין באַפעל, וועל איך אַנווענדן אַלע כוחות מתקן זיין דיין נשמה און אָפּטרייבן די בייזע רוחות און מחבלים, וואָס רינגלען דיך אַרום...**

**לאה (דיבוק):** (שרייט) **איך פאָרכט מיך נישט פאַר אייערע קללות און חרמות און גלייב נישט אין אייערע הבטחות! עס איז נישטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל מיר קאָנען העלפן! עס געפינט זיך נישט אַזאַ העכסטע הייך, וואָס זאָל זיך גלייכן צו מיין איצטיקן רו־אָרט, און עס איז נישטאָ אַזאַ פינצטערער תהום ווי דער וואָס דערוואַרט מיך! איך וועל נישט אַרויסגיין!**

**ר׳ עזריאל:** אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט באַשווער איך דיך דאָס

לעצטע מאָל און באַפעל דיר אַרויסגיין. ווען נישט — בין איך דיך מחרים און גיב דיך איבער אין די הענט פון די מלאכי־חבלה!

א שרעקנדיקע פויזע.

**לאה (דיבוק):** אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט בין איך באַהעפט מיט מיין באַשערטער און וועל זיך מיט איר נישט שיידן ביז אייביק.

**ר' עזריאל:** מיכאל, הייס אַריינטראָגן פאַר אַלעמען, וואָס געפינען זיך דאָ, ווייסע קיטלען. ברענג זיבן שופרות, זיבן שוואַרצע ליכט. נאָך דעם נעם־אַרויס פון אָרון־קודש זיבן ספרי־תורה...

א שרעקעדיקע פויזע, בשעת וועלכער מיכאל גייט־אַרויס און קערט זיך אום מיט שופרות און שוואַרצע ליכט, נאָך אים גייט־אַריין דער משולח מיט קיטלען.

**דער משולח:** (ציילט די קיטלען) עס איז דאָ איין איבעריקער קיטל. (קוקט זיך אום) אפשר פעלט דאָ עמעצער אין חדר?

**ר' עזריאל:** (אומרואיק, ווי דערמאָנענדיק זיך) כדי צו מחרים זיין א יידישע נשמה, דאַרף מען דאָך נעמען רשות פון דעם שטאָט־רב... מיכאל, באַהאַלט דערווייל די שופרות, די ליכט און די קיטלען... מיכאל, נעם מיין שטעקן און גיי צום רב ר' שמשון און בעט אים אין מיין נאָמען קומען אהער תיכף ומיד. (עס פאַרנעמט מיכאל די שופרות און ליכט און גייט צחאָמען מיטן משולח, וואָס טראָגט די קיטלען אַרויס. ר' עזריאל צו די צען מענטשן) איר קענט דערווייל אַרויסגיין. (זיי גייען־אַרויס. פויזע. ר' עזריאל הייבט־אויף דעם קאָפּ) סענדער! וואו זיינען פאַרבליבן די מחותנים מיט דעם חתן?

**סענדער:** זיי זיינען פאַרבליבן אויף שבת ביי מיר אין בריניץ.

**ר' עזריאל:** שיק א רייטער אָנזאָגן זיי אין מיין נאָמען, אַז זיי זאָלן דאָרט פאַרבלייבן און וואַרטן אויף מיין באַפעל.

**סענדער:** איך שיק גלייך אַ רייטער.

**ר' עזריאל:** דערווייל קאָנט איר אַרויסגיין און אַרויספירן די בתולה אין צווייטן חדר.

**לאה:** (וואַכט־אויף, מיט איר קול, ציטערדיק) באָבע! איך האָב מורא... וואָס וויל מען מיט אים טאָן? וואָס וויל מען טאָן מיט מיר?

**פראַדע:** האָב קיין מורא נישט, מיין קינד! דער רבי ווייס, וואָס ער טוט. ער וועט קיין בייז נישט טאָן. דער רבי קאָן קיין בייז נישט טאָן.

זי און סענדער פירן־אַרויס לאהן אין צווייטן חדר.

**ר' עזריאל:** (זיצט טיף פאַרזונקען אין די רעיונות. ווי אויפוואַכנדיק) און ווען אַפילו אין די הויכע עולמות האָט מען גוזר געווען אַנדערש, וועל איך ברעכן דעם גזר־דין!





**ר' שמשון:** גוט־וואָך, רבי!

**ר' עזריאל:** (הייבט זיך אויף אים אַנטקעגן) גוט־וואָך, גוט־יאָר, רב! זיצט! (ר' שמשון זעצט זיך) איך האָב אייך מטריח געווען צוליב זייער א וויכטיקן ענין. אין א יידישער טאָכטער איז אַריין אַ דיבוק, רחמנא לצלן, און וויל בשום־אופן נישט אַרויס. עס איז געבליבן דאָס לעצטע מיטל — אַרויסטרייבן אים מיט חרמות און נדויים. בעט איך אייער באַוויליקונג אויף דעם, און די מצווה פון פקוח־נפש וועט אייך ביישטייך.

**ר' שמשון:** (זיפצט) אַ חרם איז אַ האַרבע שטראָף פאַר אַ לעבעדיקן, בפרט פאַר אַ טויטן... נאָר ווי באַלד קיין אַנדער מיטל איז נישטאָ און אַזאַ געטלעכער מענטש, ווי איר, געפינט עס פאַר נייטיק, גיב איך מיין הרשאה... אָבער פריער מוז איך אייך, רבי, אַנטפּלעקן אַ סוד, וואָס האָט אַ שייכות צום ענין.

**ר' עזריאל:** אַדרבה.

**ר' שמשון:** איר געדענקט, רבי, מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק פלעגט צו אייך פאָרן פון בריניץ אַ יונגערמאַן, אַ חסיד און אַ מקובל, ניסן רבקהס.

**ר' עזריאל:** ער איז אָפּגעפאָרן אין מרחקים און דאָרט יונגערהייט געשטאָרבן.

**ר' שמשון:** יאָ... איז אָט דער ניסן רבקהס געקומען צו מיר די נאַכט דריי מאָל צו חלום און געפאָדערט, איך זאָל אַרויסרופן סענדער בריניצער צו אַ דין־תורה מיט אים.

**ר' עזריאל:** וואָס פאַר אַ תביעות האָט ער צו סענדערן?

**ר' שמשון:** דאָס האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט נאָר געטענהט, אַז סענדער האָט פאַרגאָסן זיין בלוט.

**ר' עזריאל:** אַז אַ ייד מאָנט דעם אַנדערן צו אַ דין־תורה, טאָר זיך אַ רב, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּזאָגן. בפרט אַז עס רופט־אַרויס אַ מת, וואָס קאָן מאָנען צום בית־דין של מעלה... נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צום דיבוק?

**ר' שמשון:** עס האָט אַ שייכות... איך האָב געהערט, אַז דער געשטאָרבענער בחור, וואָס איז אַריין ווי אַ דיבוק אין סענדערס טאָכטער, איז געווען ניסן־רבקהס אַ זון... מ'דערציילט נאָך וועגן עפּעס אַ התחייבות, וואָס סענדער האָט געהאַט אַנטקעגן ניסנען און נישט אויסגעפילט...

**ר' שמשון:** אַזוי ווי אַ דין־תורה צווישן אַ לעבעדיקן מיט אַ טויטן איז זייער אַ האַרבע און אַ נישט־געוויינטלעכע, וואָלט איך בעטן אייך, רבי, איר זאָלט באַוויליקן זיין דער ראש־הדיינים און אָנפירן די דין־תורה.

**ר' עזריאל:** איך בין מסכים. מיכאל! (עס גייט־אַריין מיכאל) הייס אַריינפירן די בתולה. (עס קומען־אַריין סענדער און פראַדע פירנדיק